פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ אין באַנעמען דעם קאָנטראָל אי' מאַכט אויף דער וועלט״.

51 תלמידים אין פלעטבוש ישיבה האַי־סקול פאַרלאַנגען איינצופירען לימוד פון אידיש

פרינציפּאַל ווייזט צוריק זייער ווענדונג. — זיי פרעגען: פאַרוואָס איז אין אַ פרומער ישיבה פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ שפּאַנישען און פראַנצויזישן דעפּאַרטמענט און אידיש ווערט נים אַריינגעלאָזט איבער דער שוועל? אַפּעלירען צו די לייענער מ'זאָל זיי העלפען אויסקעמפען אידיש.

פון דוד קאַץ

דער שרייבער פון דעם בריוו איז דער 15־יעריגער זוהן פון דעם באַקאַנטען אידישען דיכטער מעניקע קאַץ. דער טאַטע פאַרזיכערט, אַז די איניציאַטיווע איז געקומען פון דעם זוהן אַליין.

די פלעטבוש ישיבה היי״סקול, וואו איך לערן אין צווייטן יאָר, איז אַ גרויסע, אַ גוטע, אַ באַוואוסטע, און אַ השפּעה'דיגע. מיט עטלעכע וואָכען צוריק, האָבען איין און פופציג סטודענטן געשיקט אַ בריוו צום פרינציפּאַל און געבעטן אַז קומענדיגן יאָר, דאָס הייסט דאָס דריטע יאָר פון היי״סקול, זאָל די ישיבה געבען אונז אַ געלעגנהייט צו לערנען אידיש, ווי איינע פון די געגענשטאַנדן מיר זאָלן עס קענען אויסקלייבן צו לערנען. דער אמת איז, אַז אין אַ ישיבה דאַרף אידיש געלערנט ווערן ווי אַ טייל פון פּראָגראַם אין אַלע פיר יאָר. נאָר אַזוי ווי ירושלים איז נישט געבויט געוואָרן אין איין טאָג, האָבען מיר געטראַכט צו מאַכען אַן אָנהייב.

אָט איז, איבערגעזעצט פון העברעיאיש, אונזער בריוו צום פרינציפּאַל:

„לכבוד הרב יוסף הימאָוויץ,

„מיר בעטען אייך, אונזער טייערער געהילף־פּרינציפּאַל אַז ניט געקוקט אויף אייער שטאַרקער פאַרנומענקייט, זאָלט איר אַזוי גוט זיין, אָפּגעבן עטלעכע מינוט כדי אַ קוק צו טאָן און באַטראַכטען אונזער בקשה. מיר האָבען פריער געשיקט אַ בריוו צום רב אליאָר (דער הויפּט־פּרינציפּאַל פאַר אידישע געגענשטאַנדען) און מיר האָבען געבעטען אַז אידיש זאָל געלערנט ווערען אין אונזער ישיבה ווי אַ מעגלעכער געגענשטאַנד אין דריטען יאָר. ער האָט אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלען דאָס בעטען פון אייך און אויב ס'וועלען זיין אַרום אַכצען תלמידים וואָס וועלען וועלען אַזאַ קלאַס, וועט עס קענען רעאַליזירט ווערען.

„מיר בעטען דאָס, ווייל אונדער ווילען איז צו שטאַרקען די אידישקייט פון דער אַמעריקאַנער יהדות בכלל, און פון דער ישיבה הפלעטבוש בפרט.

„ס'איז אַ גרויסער צער וואָס אונזער ישיבה גיט אונז ניט די געלעגנהייט צו לערנען דאָס מאַמע לשון פון די אידען פון ליטע, פוילען, רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע, אונגאַרן, און אין אַנדערע ערטער פון אידישע אַשכנזישע קהילות, וועלכע האָבען עקזיסטירט הונדערטער יאָרען.

„מיר פילען אַז העברעיאיש און אידיש זענען שוועסטער־לשונות פון אונזער פאָלק. דאָס אויפקומען פון ארץ ישראל און די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, זענען פון די צוויי גרעסטע נסים אין אונזער געשיכטע. צו פאַרברידערען זיך מיט די מענטשען פון תנ״ך איז אַ טיפע איבערלעבונג. אָבער דערווייטערען זיך פון דעם זיידען און פון דער מאַמע'ן, מיינט דערווייטערן זיך פון אידישקייט.

„אידישקייט וואָס איז אַריין אין דער בריטאַנישער ענציקלאָפּעדיע ווי איינע פון די זיבן וועלט לשונות, און צווישן די רייכסטע לשונות, מיט אירע פאָלקס אידיאָמען צו וועלכער קיין שום אַנדער לשון קען זיך נים פאַרגלייכען, מיט אירע גיגאַנטישע שרייבער: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, מאַני לייב, רייזען, ראָזענפעלד, לייעסין און נאָך אַ סך אַזעלכע טאַלאַנטען. די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור האָבען געבליט און באַרייכערט אין יעדען אָרט פון אייראָפּע וואו ס'האָבען געוואוינט אידען. די שונאי ציון האָבען אָפּגעלאַכט פון אונזער מאַמע לשון כדי אָפּצולאַכען פון אידישקייט. וואָס פאַר אַן אומגליק וואָלט עס געווען אויב דאָס מאַמע לשון פון די זעקס מיליאָן קרבנות וואָלט נישט געבליבען אין אונזער הארץ ווי אונזערס אַ לשון.

„נאָך במשך פון דער אַנטוויקלונג באַקומט יעדער איינער אַן אייגענעם פּנים. אַזוי אויך מיט אַ שפּראַך. ווען מען האָט אָנגעהויבען רעדען אידיש מיט טויזענט יאָר צוריק איז עס געווען שוואַרצאַק, אַ געמיש פון דייטש, פראַנצויזיש, און אַנדערע לשונות. במשך פון דורות, האָט זיך די שפּראַך אַנטוויקלט שורש'דיג ביז ס'איז געוואָרען די שפּראַך אין די תפוצות פון'ם אידישען פאָלק. די וואונדערלעכע אידיאָמען וואָס געפינען זיך אין די צענדליגער טויזענטער, אויף אידיש, זענען בפירוש דאָס געשטאַלט פון אונזער פאָלק.

„דער וואָס זאָגט אַז אידיש איז נים קיין לשון, באַליידיגט די טויזענט יאָר פון אידען: גאונים, רבנים, אַלעמען, און זאָל קיין מענש נישט דאַגען, אַז אידיש שטאַרבט אָדער ווערט פאַרלאָרען, ווייל אין די טויזענטער יאָרען פון אונזער אומגעלטער געשיכטע האָט אָפּט אויסגעוויזן אַז דער מצב פון אונזער פאָלק איז נישט בעסער פון אידיש הייגט צו טאָג.

„די גייסטיגע וועלט־דירעקטעבונג פון דער אַמעריקאַנער ידגענט וועט נישט קומען ביז מען וועט לערנען אין די ישיבות אידיש. אַז די ישיבה איז וואַנדערלער פון אַלע שטאַנדפונקטן חוץ מיט אַט דעם אייגענעם אויסנאַם. דער אידישער חינוך דאָ, איז פּשוט ניט פול, אָן אידיש. מיר וועלען ניט האָבען קיין קיום אַניצט אין אַמעריקע אויב מיר וועלן זיך אָפּגעבן נאָר מיט נסים פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציג יאָר, און מיר וועלען פאַרגעסען די טויזענט יאָר אידיש, אויך דאָס וואונדערלעכע געשטאַלט פון שטעטעל מיט איר כאַראַקטער, אויב טראַדיציעס פון אידיש און פון שטעטעל וועלן פאַרגעסען ווערען, אויב מיר וועלן צעשטערען דעם המשך פון דור־דורות. זאָל עס חס ושלום ניט גורם זיין אויף אונז אַז די קריסטלעכע קולטור אין וועלטער מיר לעבען זאָל נישט מאַכען אונז צו פאַרטיליגען זיך אַליין, אונזער מהות, אונזער פאָלק. וואָלט נאָר אונזער ישיבה מסכים געווען צו דעם (צו לערנען אידיש) וואָלט עס געווען אַ גרויסער היסטאָרישער אָנהייב.

„די אונטערשטע שורה, מיר באַגערן אַז די שפּראַך אויף וועלכער אונזער פאָלק האָט געוויינט און געלאַכט, געטאַנצט און געטרויערט, געליבט און געקעמפט, געטאַנצט און געזיפצט, זאָל ניט פאַרמיטען ווערען פון אונז.

„מיט אַ סך כבוד, בלייבען מיר, די תלמידים פון צווייטען לערן יאָר, וואַרטענדיג אויף אייער תשובה,

דוד קאַץ (און נאָך 50 סטודענטען אונטערגעשריבען).״

אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז דער אַסיסטענט פּרינציפּאַל אַריינגעקומען אין קלאַס און האָט אונז געזאָגט: „איך האָב דערהאַלטען אייער בריוו. איך האַלט, אַז עס איז וואונדערלעך וואָס איר בעט לערנען אידיש; ווי איר האָט געזאָגט אין בריוו, איז אידיש מאַמע לשון. צו מיין גרויסער באַדויערונג, וועט די ישיבה מוזען אָפּזאָגען אייער בקשה, ווייל די פּראָגראַם איז שוין צוגעגרייט. דאָס הייסט, אַז ס'איז זעהר און זעהר פיין וואָס איר פרובט אַזאַ זאַך, און אויב איר זייט ערנסט פאַראינטערעסירט אין לערנען אידיש, קענט איר זיך צוהערען צו דער ראַדיאָ, אויף סטאַנציע דאַבעליו־איי־ווי־די, זיי האָבען זעהר אַ גוטע פּראָגראַם פאַר מענטשען וואָס ווילען לערנען אידיש.״

אוי ווי פּיין! פאַר פראַנצויזיש און פאַר שפּאַניש אין אַן אָרטאָדאָקסישער ישיבה, איז יאָ פאַראַנען ביכער, קלאַסן, לערער, אַ באַזונדער דעפּאַרטמענט מיט אַ פאַרוואַלטער און וואָס ניט. איין און פופציג סטודענטען בעטען צו לערנען אידיש, זאָגט מען אונז, אַז די ראַדיאָ זאָל אונז לערנען. טאַקע, זאָל מען אונז נישט דרייען קיין מוח מיט זייערע אויסגעפּוצטע תירוצים, און אויסגעשפּילטע מעשיות.

איר קענט אונז העלפען אַריינברענגען אידיש אין אונזער ישיבה. ווען דאָס וואָלט דערגרייכט געוואָרן, וואָלטן אַנדערע ישיבות געטאָן דאָס זעלביגע, און עס וואָלט געווען אַ גרויסער אָנהייב. מיר בעטען אייך, גיט אָפּ אַ פּאָר מינוט און שרייבט צו אונזער חשוב'ן פּרינציפּאַל און זאָגט אים, אַז אַ ישיבה אָהן אידיש איז ווי אַ בית מדרש אָהן אַ תורה. דאָס לשון פון אידישען פאָלק דאַרף ווערען אַ טייל פון דער באַשטימטער פּראָגראַם פון אָנהייב ביז סוף היי״סקול. העלפט אונז אין אונזער קאַמף; רעזולטאַטן וועלען זיין אויך אייערע.

דער אַדרעס איז:

Principal,
Yeshivah of Flatbush
Joel Braverman High School
1609 Avenue J
Brooklyn, N.Y. 11230

Forward

די באַפרייונג
פון די אַרבעטער
ווענדט זיך אָן די
אַרבעטער אַליין

פאָרווערטס

Forward

15¢

אַרבעטער
פון אַלע לענדער
פאַראייניגט
זיך

ניו יאָרקער וועטער: זוניג, אין די פופציגער

Vol., No. LXXV 27,031 Entered as Second Class Matter at Post Office, New York, N. Y. Monday, April 17, 1972

מאָנטאַג, אַפּריל 17, 1972 8 Pages PRICE FIFTEEN CENTS

„אַפּאָלאָ 16" אָפּגעפלויגען צו דער לבנה

האַנאָי און האַיפאָנג באָמבאַרדירט; 2 דזשעטס אַראָפּגעשאָסן

מיסיע פון די 3 אַסטראָנאַטען וועט דויערן צוועלף טעג

יאַנג און דיוק וועלען זיין 73 שעה אויף לבנה און דורכפירען פאָרשונגען 21 שעה; וועלען לאַנדען אין באַרגיגער געגענד און פּרואוון קריגען ווייטערדיגע אינפאָרמאַציע וועגען אָפּשטאַם פון לבנה מיט ביליאָנען יאָרען צוריק; עס וועט זיין צום ערשטען מאָל וואָס מענשען אויף לבנה שטודירן די ערד; „אַפּאָלאָ 16" אַרויסגעפלויגען טראָץ אַ מינדערוויכטיגער פּראָבלעם מיט אַפּאַראַט; אַלץ געהט פּינקטליך; די אַסטראָנאַטען באַריכטען: „ס'איז וואונדערליך שעהן".

קעיפ קענעדי, אַפּריל 16. — די דריי „אַפּאָלאָ 16" אַסטראָנאַטען זענען היינט אָפּגעפלויגען אויף זייער 12־טאָגיגער לבנה־מיסיע 12:54 בייטאָג, טראָץ וואָס אַ מינדערוויכטיגער „טראַבל" האָט זיך אינדערפרי באַוויזען ביים ריזיגען „סאַטורן" אַרויסשיס־ראַקעט.

דזשאָן יאַנג, קאָמאַנדיר פון דער מיסיע, טשאַרלס דיוק, פּילאָט פון דער לבנה־לאַנדונג קאַבינע, און טאָמאַס מעטינגלי, פּילאָט פון דער הויפּט־קאַבינע, האָבען זיך מיט פייער אַרויסגעלאָזט אויף אַמעריקע'ס פינפטע לבנה־לאַנ־

סענאַט דעבאַטע אינגיכען וועגען וויעטנאַם

וואַשינגטאָן, אַפּריל 16. — אין סענאַט וועט אינגיכען באַגיינט ווערען די דעבאַטע וועגען סענאַטאָר מענספילד'ס פאָרשלאַג, אַז די אַדמיניסטראַציע זאָל מוזען דעקלערן גענוי ווען זי וועט צוריקציען אַלע אַמעריקאַנער באַוואָפענטע קרעפטען פון וויעטנאַם און די אַרומיגע אינדאָ־כינע לענדער. די לעצטע עטליכע חדשים איז די דעבאַטע געווען „איינגעשטעלט".

סענאַטאָר מאַיק מענספילד, פירער פון דער דעמאָקראַטישער מערהייט אין סענאַט, האָט איצט אַ נייעם נוסח פון זיין צוריקציי־אַמענדמענט, וואָס וועט אַריינגעבראַכט ווערען אין סענאַט. דער אַמענדמענט וועט פאָדערן דעם פולשטענדיגען צוריקציי פון אַלע אַמעריקאַנער קרעפטען פון אינדאָ־כינע אין לויף פון פיר חדשים, אויב די קאָמוניסטען וועלען באַפרייען די אַמעריקאַנער קריגס־געפאַנגענע.

מענספילד האָט נעכטען געמאָלדען, איידער ער איז אָפּגעפלויגען אויף אַ דריי־וואָכיגער רייזע קיין כינע, אַז ער האָט באַפולמעכטיגט סענאַטאָר ראָבערט בוירד, געהילף־פירער פון די דעמאָקראַטישע סענאַטאָרען,

די „אַפּאָלאָ 16" אַסטראָנאַטען אויפ'ן וועג צו דער ספּעיס־שיף.

אידען פּראָטעסטירען געגען גריכענלאַנד אַנטיסעמיטען

אַטען, גריכענלאַנד אַפּריל 16. — דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, די אַמעריקאַנער [illegible] [illegible] קאָמיטעט, ווי אויך דער צענ־

טע אַלאַרמירט, אַז דער שונא שטייט פאַר די טויערן און אַז די ציוניסטען, „וועלכע [illegible] מיר האָבען געהערט פון [illegible] [illegible]

געוואָרען אין דער אויסגאַבע פון דער גריכישער קירכע.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון די גריכישע אידען האָט אין זיין בריוו צום אויסערן־מיניסטער,

האַנאָי זאָגט, 15 באָמבערס אַרונטערגעשאָסן געוואָרען

אַמעריקאַנער קאָמאַנדע אין סאַיגאָן גיט אַרויס אָפיציעלע מעלדונג וועגן לופט אַטאַקעס אויף הויפּטשטאָט פון נאָרד וויעטנאַם און אויף דעם וויכטיגסטען האַפען האַיפאָנג; אויל־זאַפּאַסען און אַמוניציע־סקלאַדען שטאַרק באַשעדיגט; סאָוועטישע האַנדעלס־שיף אין האַיפאָנג געטראָפען, זאָגט האַנאָי.

פון „יונייטעד פּרעס אינטערנעשאָנאַל"

סאַיגאָן, דרום־וויעטנאַם, אַפּריל 16. — די אַמעריקאַנער מיליטערישע קאָמאַנדע האָט היינט געמאָלדען, אַז אַמעריקאַנער קריגס־עראָפּלאַנען האָבען באָמבאַרדירט די הויפּטשטאָט פון צפון־וויעטנאַם, האַנאָי, ווי אויך די האַפנשטאָט האַיפאָנג.

די אַמעריקאַנער קאָמאַנדע האָט אויך געמאָלדען, אַז די קאָמוניסטען האָבען אַרונטערגעשאָסען צוויי אַמעריקאַנער באָמבערס. האַנאָי האָט באַריכטעט, אַז פופצען אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען זענען אַרונטערגעשאָסען געוואָרען.

צוערשט איז געמאָלדען געוואָרען דורך דער אַמעריקאַנער קאָמאַנדע אין סאַיגאָן, אַז כוואַליעס קריגס־עראָפּלאַנען פון לופט־פלאָט און פון דער נייווי האָבען צוזאַמען מיט 8־מאָטאָרדיגע ב־52 דזשעט־באָמבערס אַטאַקירט די געגענטען אַרום דעם נאָרט־וויעטנאַמער סטראַטעגישען האַפען, האַיפאָנג. דאָס זענען געווען די ערשטע באָמבאַרדירונגען צו דער צפון־זייט פון צוואַנציגסטען פּאַראַלעל, זינט מערץ, 1968, ווען אַמעריקע האָט באַגרענצט די לופט־אַטאַקעס איבער צפון־וויעטנאַם. שפּעטער איז אויך געמאָלדען גע־